גאולה העתידה, אָבער מצד דעם ענין פון תורה וועט אויך ער, און אַפילו דער פינפטער סוג בן וואָס איז נאָך נידעריקער, זוכה זיין צו דער גאולה העתידה וואָס איז העכער פון גאולת מצרים, און דורך כולנו כאחד, וועלן מיר אַלע זוכה זיין צו דער גאולה השלימה שאין אחרי׳ גלות דורך משיח צדקנו, במהרה בימינו.

(מלוקט משיחות חגה״פ תשי״ב־ז)

# פרשת אחרי

א. אויפן פסוק ושמרתם את משמרתי, זאָגט די גמרא [1]: עשו משמרת למשמרתי. דאָס איז דער יסוד צו די גדרים וסייגים דרבנן, אַזוי אויך צו די גדרים וסייגים וואָס יעדער איד איז מחוייב צו מגדיר זיין זיך אַפילו בדברים המותרים — בכדי ניט צוקומען חס ושלום צו אַן איסור,

ווי עס שטייט אין ספרי מוסר, אַז מען דאַרף זיך אָפּהיטן אין מאה שערים פון היתר, בכדי ניט צוקומען צו איין שער פון איסור.

ב. פאַראַן וואָס זיינען בטעות און טענה׳ן: צו וואָס דאַרף מען זוכן נייע חומרות? מילא דאָס וואָס רבותינו אין יעדן דור האָבן גע׳אסר׳ט, איז „לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך״ [2], דאַרף מען אָבער אויך ניט צופיל מדקדק זיין אין דעם, וואָרום עס איז דאָך מער ניט ווי אַ דרבנן, ומכל שכן נייע חומרות דאַרף מען געוויס ניט זוכן, דייך מה שאסרה לך התורה [3].

און זיי ברענגען נאָך אַ ראַי׳ לדעתם פון דעם וואָס עס שטייט אין ירושלמי [4], אַז אַ מענטש וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון אויף יעדער זאַך וואָס ער האָט געזען און ניט געגעסן.

נאָך מער — טענה׳ן זיי — אַזוי ווי אויספירן אַלץ איז דאָך זייער שווער, איז ניט כדאי צו מרבה זיין חומרות און הידורים, דורך דעם קען מען חס ושלום פאַרלירן דעם עיקר. צופיל חומרות קענען נאָך ברענגען אַז מען זאָל אינגאַנצן אַוועק פון דרך התורה חס ושלום, און זיי ברענגען דערויף אַ ראַי׳ פון חטא עץ הדעת, שרש כל החטאים, אַז דורך דעם וואָס מען האָט צוגעלייגט אַן איסור וואָס דער אויבערשטער האָט ניט געהייסן, מען האָט צוגעלייגט צום „לא תאכלו ממנו״, דעם „לא תגעו בו״, איז אַרויסגעקומען דער חטא.

ג. די טענה איז אָבער אַ גרויסער טעות און דער ענטפער אויף דעם איז:

כולם מרועה אחד ניתנו. מצד דעם לאו פון לא תסור האָבן אויך די גזירות דרבנן דעם תוקף און האַרבקייט ווי דינים דאורייתא, און די חילוקי דינים צווישן דאורייתא און דרבנן, זיינען מצד דעם וואָס אַזוי

1) יבמות כא, א.

2) רש״י שבת כג, א. וראה רמב״ם ריש הלכות ממרים. בסהמ״צ שורש א׳ ומ״ע קעד.

3) ירושלמי ריש פרק ט דנדרים.

4) סוף קידושין.

האט די תורה געוואלט, אז אין א דאורייתא זאל זיין ספיקו לחומרא און אין א דרבנן ספיקו להקל[5] א. ד. גל.

אזוי איז אויך בנוגע דעם חיוב וואס יעדער איינער דארף זיך מגדיר זיין בדברים המותרים, ווארום אויך דאס איז א ציווי התורה — ושמרתם את משמרתי.

נוסף אויף דער עשה[6] פון קדושים תהיו וגו׳ והתקדשתם, קדש עצמך במותר לך, צו הייליקן זיך אפילו אין דברים המותרים, גייט עס אריין אויך אין ושמרתם את משמרתי — עשו משמרת למשמרתי.

ד. און דאס וואס זיי ברענגען א ראי׳ פון דעם ירושלמי און פון חטא עץ הדעת, איז דער ענטפער אויף דעם:

אדם הראשון זייענדיק אין גן עדן איז געווען א׳ מרכבה צו אלקות און ניט געהאט קיין שייכות צו רע. א ראי׳ אויף דעם איז, ווארום גן עדן איז דאך ניט סובל קיין מציאות הרע (וואס דערפאר איז נאך דעם חטא האט ער ניט געקאנט זיין אין גן עדן).

א מרכבה — אלץ וואס זי טוט איז דאס רצון הרוכב. במילא דארף מען דארטן קיין גדרים וסייגים ניט האבן, ווארום עס איז גיטא קיין חשש מען זאל נכשל ווערן, ואדרבה, ניט נאר וואס די גדרים וסייגים זיינען איבעריק, נאר זיי זיינען נאך א חסרון,

ווארום דער וואס איז א מרכבה צו אלקות, און כל עשיותיו זיינען קדושה, איז בשעת ער טוט אן ענין איז ער אים מעלה, און דורך דעם וואס ער איז זיך מונע פון אן ענין, איז ער מונע אן עלי׳, ובדוגמת אכילת קדשים, אכילת שבת וכו׳.

דארט אבער וואו מען דארף די גדרים וסייגים יא האבן, זיינען זיי א מעלה[7].

(משיחות ש״פ שלח, תשט״ז)

# פרשת קדושים

א. די ערשטע דריי ציוויים פון אנהויב פרשה זיינען: א) קדושים תהיו[1]. ב) איש אמו ואביו תיראו. ג) את שבתותי תשמרו.

אין תורה איז דאך אלץ בדיוק, מוז מען זאגן, אז דאס וואס די דריי ציוויים קומען צוזאמען איז אויך בדיוק, און זיי זיינען צווישן זיך פארבונדן.

ב. קדושה מיינט דא הבדלה, אזוי ווי ביים סוף פון דער סדרה[2] שטייט: והייתם לי קדושים וגו׳ ואבדיל אתכם מן העמים, וואס מיינט, אז אידן דארפן זיין אפגעטיילט פון די אומות העולם,

---

5) דוגמת החילוקים שבאורייתא גופא, תניא פרק כד. וראה נושאי כלי הרמב״ם הלכה ה, וסהמ״צ שם.

6) תניא פרק ל. וראה ספר חרדים סוף חלק מ״ע מה״ת.

1) בספר חרדים (בשם גאון ורשב״ץ) שזהו מצות עשה. ובפירוש הרמב״ן שזהו — מצוה כללית. וראה גם כן ספר המצות להרמב״ם שרש ד.

7) ראה לקוטי תורה במדבר פד, ב.

2) כ, כו. זע תניא פרק מו.